**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/03/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווארנער האקול מעלדט סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירער צוצולייגן נאך פאטראל אויף ניו יארק'ס גאסן דורכאויס יולי 4 האלידעי

***ניו יארק סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירער צו צילן פארשווארכטע און לייכטזיניגע דרייווערס דורך די האלידעי וויקענד***

***מער פון 35,000 טיקעטס ארויסגעגעבן דורכאויס 2023 אינפארסירונג***

***To Suspend Road Work  אפטיילונג פון טראנספארטאציע, Thruway***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די ניו יארק סטעיט פאליציי און געזעץ אינפארסירונג אגענטורן וועלן פארמערן פאטראלן צו טרעפן אנגעטרינקענע און פארדראגטע דרייווינג און אנדערע טרעפיק פארלעצונגען אין דעם פערדע פון יולי. געזעץ אינפארסירונג דורכאויס די סטעיט וועט דורכפירן ניכטערהייט קאנטראליר-פונקטן און טרעפן לייכטזיניגע און אגרעסיווע דרייווינג צו האלטן ניו יארק הייוועיס פארזיכערט דורך וואס איז פאררעכנט צו זיין די פארנומענסטע טרעוול וויקענד פון די זומער.

"סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן וועלן נאכאמאל זיין אויף די ניו יארק'ס געסן די האלידעי וויקענד זיכער מאכנדיג אז זיי זענען פארזיכערט פאר דרייווערס און פאסאזשירן," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "מיר ווילן ניו יארקערס זאלן הנאה האבן די האלידעי וויקענד, אבער מיר ווילן אויך זיי זאלן עס טון פאראנטווארטליכדיג. מיר טאלעריקן נישט דרייווערס וועמענס לייכטזיניגע האנדלונג לייגן אין געפאר די לעבן פון אנדערע."

די קאמפיין, וועלכע איז פינאנצירט דורך די גאווארנער'ס טערפיק זיכערהייט קאמיטע ( Governor's Traffic Safety Committee, GTSC), וועט זיך אנהייבן מיטוואך, 3 יולי זעקס אזייגער נאכמיטאג און וועט גיין ביז זונטאג, 7 יולי 2024 אינמיטן נאכט.

כדי צו פארגרינגערן דאס רייזע אין פארלויף פון די ביזי האלידעי וויקענדס, וועלן צייטווייליגע לעין פארשליסונגען צוליב שאסיי און בריק בוי ארבעט פראיעקטן אויף ניו יארק סטעיט הייוועיס ווערן אפגעשטופט אנגעהויבן 6 AM דאנערשטאג, 4 יולי ביז 6 AM מאנטאג, 8 יולי. בוי ארבעט פארבינדענע לעין פארשליסונגען אויף אויסגעוועלטע טרו-וועי פראיעקטן וועט אפגעשטופט ווערן אנגעהויבן AM6 אויף מיטוואך, 3 יולי.

מאטאריסטן זאלן זיין אויפמערקזאם אז געוויסע ארבעט קען מעגליך אנגיין הונטער פערמאנענטע צעמענטענע ווענט פאר עמערדזשענסי פאררעכטונגען. דאס אפלייגן פון קאנסטרוקציע איז אין איינקלאנג מיט ניו יארק סטעיט'ס דרייווער'ס פירסט איניציאטיוו, וועלכע פריאריטיזירט דאס באקוועמליכקייט פון

דרייווערס כדי צו פארמינערן טרעפיק לאסט און רייזע פארשפעטיגונג צוליב ארבעט אויף שאסייען און בריקן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט סטיווען דזשי. דזשעימעס האט געזאגט,** "אונזערע מיטגלידער ארבעט וואכזאם ארום די יאר צו האלטן אונזערע גאסן פארזיכערט און אויפכאפן פארשוואכטע און לייכטזיניגע דרייווערס, און נאכמער דורך די האלידעי צייטן ווען פייערונגען קענען אריינגעמען אלקאהאל. אין די צייט וואס מיר ווילן יעדער זאל הנאה האבן פון זייער אינדעפענדענס דעי, בעטן מיר זיי זאלן עס טון פאראנטווארטליך דורך באשטימען א ניכטערע דרייווער אויב זיי האבן געטרינקען. צוזאמען, קענען מיר ארבעטן צו פארמיידן זינלאזע טראגעדיעס וואס ווערן פאראורזאכט דורך פארשוואכטע און לייכטזיניגע דרייווערס."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון מאטאר ביציקלעך קאמישענער און טשער פון די גאווארנער'ס טרעפיג זיכערהייט קאמיטע מארק דזשעי.עף. שרודער האט געזאגט,** "דאס איז א וויקענד ווען אזויפיל פון אונז וועלן זיך צאמקומען מיט פאמיליע און פריינט צו פייערן. די הנאה און שמחה זאל נישט ווערן צושטערט דורך איינעם וואס מאכט א טראגישע גרייז צו דרייוון בשעת'ן זיין פארשוואכט אדער צופארן. מאך א פלאן אנצוקומען צו דיין דעסטינאציע פארזיכערט און געב דיר און דיינע באליבטע אביסל מנוחת הנפש."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון טראנספארטאציע קאמישענער מארי טעריז דאמינגועז האט געזאגט,** "טרעוול אפהאלטונגען קען לייכטערהייט צושטערן דיין האלידעי און דאס איז פארוואס די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון טראנספארטאציע שטיצט פולשטענדיג גאווארנער האקול'ס באשלוס אפצושטופן בוי ארבעט און צייטווייליגע לעין פארמאכונגען דורכאויס די פערדע יולי האלידעי. די זיכערהייט און באקוועמליכקייט פון די פארנדע פאבליק זענען אלעמאל NYSDOT'ס הויפט וויכטיגקייטן און מיר טוען אלעס וואס מיר קענען צו פארזיכערן אז ניו יארקערס קומען אן וואו זיי דארפן גיין פארזיכערט און מיט די וויניגסטע מיה די האלידעי. איך בעט יעדעם צו דרייוון פארזיכערט האלט זיך צוריק פון יעדע פארעם פון צופארענע דרייווינג און זיך צו רוקן פאר ראודסייד עמערדזשענסי און מעינטענענס וויהקעלס. לאמיר אלע האבן א גוטע און פארזיכערטע אינדעפענדענס דעי!"

**ניו יארק סטעיט טרו-ווער אטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר פראנק דזשי. האאר האט געזאגט,** "אפשטופן קאנסטראקשן ארבעט איבער די יולי 4 האלידעי וועט העלפן פארלייכטערן אפהאלטונגען וואס מאטאריסטן קענען מיטהאלטן איבער די פארנומענע טרעוול וויקענד. מיר בעטן מאטאריסטן צו מאכן זיכערהייט א פריאריטי ביים פארן. זייערע לעבנס, צוזאמען מיט די זיכערהייט פון אנדערע מאטאריסטן, עמערדזשענסי מאנשאפטן און אונזערע איינגעשטעלטע, זענען אפהענגיג אויף דעם. מיר דאנקען אונזערע פארטנערס ביי ניו יארק סטעיט פאליציי טרופ T פארן פאטראלירן די טרו-ווער און האלטן מאטאריסטן פארזיכערט. מיר וואונטשן יעדעם א פארזיכערטע און פרייליכע פערדע פון יולי."

לעצטע יאר, האט די געזעץ אינפארסירונג געגעבן 35,104 טיקעטס דורכאויס די סטעיט דורך די יולי 4 אינפארסירונג צייט, אריינרעכנענדיג מער ווי 1,200 טיקעטס פארן דרייוון בשעת'ן זיין פארשוואכט דורך אלקאהאל אדער דראגס, מער ווי 1,000 פאר צופארענע דרייווינג, און מער ווי 7,000 ספידינג טיקעטס. דורך די צייט, האט סטעיט פאליציי אליין געגעבן א טאטאל פון 12,991 טיקעטס, ארעסטירט 193 מענטשן פאר DWI און אויסגעפארשט 949 עקסידענטן, אריינגערעכנט 5 פאטאליטען.

מאטאריסטן זאלן אויספאלגן די סטעיט'ס ריק אריבער געזעץ, וועלכע איז געווארן אויסגעשפרייט אין מערץ צו פארלאנגען דרייווערס זאלן פארשטייטערן זייער פארן און זיך אריבעררוקן פאר אלע וויהיקלס וואס האבן זיך אפגעשטעלט לענגאויס די ראודוועג.

אזויגערופענע 'טעקסט סטאפּס' – אריינרעכענענדיג 'פּארק-ענד-רייד' פּלעצער, רעסט עיריעס, סערוויס עיריעס און פּארקינג עיריעס לענגאויס די סטעיט הייוועיס – שטיצן די סטעיט'ס באמיאונגען צו רעדוצירן אומאויפמערקזאמע דרייווען. אלע טעקסט סטאפּס וועלן בלייבן אפן, צושטעלנדיג א פּלאץ וואו דרייווערס קענען באקוועמערהייט און זיכערערהייט ניצן זייערע סעלפאָנס און אנדערע מאביל מכשירים פאר רופן, טעקסטן, נאוויגירן, און ניצן סעלפאָן עפּס. טעקסטן בשעת'ן דרייוון איז באזונדערס סכנות'דיג אזוי ווי עס פארלאנגט אז דרייווערס זאלן אראפנעמען זייערע אויגן פון די ראוד, די הענט פונעם רעדל און די קאפּ פונעם דרייוון.

די טרו-ווער אויטאריטעט דערמאנט מאטאריסטן אז אין די צייט וואס 18 סערוויס געגנטער זענען אפן, זענען אכט פארמאכט און זענען אונטער קאנסטרוקציע אלס א טייל פון די 450 מיליאן דאלאר איבער-דעוועלאפּמענט[פראיעקט](). גאז סערוויסעס בלייבן אפן ביי אלע לאקאציעס. מאטאריסטן קענען זען די סערוויס געגנטער און פלאנירן זייערע אפּשטעלונגען אויף די טרו-ווער אויטאריטעט'ס [וועבזייטל]() און אויף דעם אומזיסטן [טעלעפאן עפּ]().

דורך די אינפארסירונג צייט, קענען דרייווערס ערווארטן אנצוטרעפן ניכטערהייט וואך-פונקטן און פּארמערטע DWI פּאטראלן. געזעץ אינפארסירער וועלן אויך אויסזוכן מאטאריסטן וואס ניצן זייערע טעלעפאנס אדער אנדערע עלעקטראנישע דעווייסעס בשעת׳ן זיצן הינטער׳ן רעדל. דרייווערס זאלן אויך געדענקען דעם "מואוו אָווער" געזעץ — זיך אריבערצורוקן פאר עמערדזשענסי און אויפהאלטונג קארן און טראקס וועלכע זענען אפּגעשטעלט אויף די זייט פון די שאסיי when they travel New York roadways.

די ניו יארק סטעיט פּאליציי וועט נוצן סיי באצייכנטע וויהיקלס און באהאלטענע אידענטיטי טרעפיק ענפארסמענט (Concealed Identity Traffic Enforcement, CITE) וויהיקלס אלס א טייל פון דעם אפעראציע. די CITE וויהיקלס וועלן ערמעגליכן פאר טרופּערס גרינגער אידענטיפיצירן מאטאריסטן וואס ניצן דעווייסעס אין זייערע הענט בשעת׳ן דרייוו׳ען. די קארן מישן זיך אויס מיט די טאג-טעגליכע טראפיק, אבער זיי קענען קלאר דערקענט ווערן אלץ עמערזשענסי קארן ווען די עמערזשענסי לעמפלעך ווערן אנגעצינדן.

די GTSC און די ניו יארק סטעיט STOP-DWI פאנדעישן דערמאנט מאטאריסטן אז זייער ["האב א פלאן" מאביל עפּס]() איז צוגעשטעלט פאר עפּל, ענדרויד און ווינדאוס סמארטפאונס. דער עפּ ערמעגליכט פאר ניו יארקער צו געפונען און רופן א טעקסי אדער רייד-שעיר סערוויס און פּראגראמירן א דעזיגנירטע דרייווער ליסטע. עס שטעלט אויך צו אינפארמאציע איבער DWI געזעצן און שטראפן, און גיבט א וועג צו באריכטן פארדעכטיגטע שיכור'ע דרייווערס.

אויב דו דרייוווסט אנגעטרונקען אדער פארדראגט, לייגסטו נישט נאר דיין לעבן און די לעבן פון אנדערע אין א ריזיקע, נאר דו קענסט זיך אויך אנטרעפן מיט ארעסט, תפיסה צייט, און שטארקע געלטשטראפן און אדוואקאט קאסטן. די דורכשניטליכע ארעסט פארן דרייוון שיכור קאסט ביז אזויפיל ווי $10,000.

ארעסטירטע שיכור'ע דרייווערס און דרייווערס אונטער איינפלוס פון דראגס קענען אויך פארלירן זייער דרייווער'ס לייסענס, צאלן העכערע אינשורענס ראטעס, און צענדליגע אנדערע אומערווארטעטע אויסגאבן פונעם אויפנעמען א לויער, קנסות און אפצאלונגען פאר די געריכט, אוועקשלעפן די קאר און פאררעכטונגען און פארלירן צייט פון די ארבעט.

די ניו יארק סטעיט פּאליציי, GTSC און NHTSA רעקאמאנדירן די פשוטע עצות צו אפהאלטן פארשוואכטע דרייווינג:

- פלאנירט א וועג ווי צו אהייקומען זיכערערהייט **איידער** די פייערונגען פאנגען זיך אן.
- בעפארן טרונקן, באשטימט איינער צו זיין א ניכטערער דרייווער.
- אויב זענט איר פארשוואכט, באנוצט זיך מיט א טעקסי, רופט אן א ניכטערער פריינט אדער פאמיליע מיטגליד, אדער באנוצט זיך מיט פאבליק טראנספארטאציע.
- באנוצט זיך מיט אייער קאמיוניטי'ס 'ניכטערע היטש' פראגראם.
- אויב איר פארדעכטיגט אז א דרייווער איז אנגעטרונקען אדער פארשוואכט אויפן שאסיי, קאנטאקטירט ... 

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן